# האלי קאַמעט
# קומט אלץ נעהענטער

דער מאָרגען זשורנאַל, Sunday, May 15, 1910;

# דער „צוזאמענשטויס“ פון דער ערד
# מיט האלי'ס קאָמעט

דער מאָרגען זשורנאַל, Wednesday, April 27, 1910

# ווען די וועלט זאָל מאָרגען חרוב ווערען!

די וואַרהייט, Tuesday, May 17, 1910;

## די וועלט געהט ניט אונטער.

דער פרייַנד, Monday, February 14, 1910;

## האַללי קאַמעט
## איז האַרמלאָז

דער מאָרגען זשורנאַל, Monday, May 16, 1910;

## דער עק
## פון קאמעט
## א גארנישט

דיא אידישע טעגליכע פרעססע, Friday, April 22, 1910;

## אין עק פון קאָמעט;
## אַבער ניט ביי׳ם עק וועלט

דער מאָרגען זשורנאַל, Tuesday, May 17, 1910;

וואו איז דאָך דער עק
פון קאמעט?

פאָרווערטס, Friday, May 20, 1910;

קאמעט נאַרט אָב
די געלעהרטע

יידישעס טאגעבלאט, Friday, May 20, 1910;

וואס ווייסען מיר היינט
מעהר פאר לעצטע וואָך???

יידישעס טאגעבלאט, Friday, May 20, 1910

## אין טױט שרעק פאר׳ן האלײ קאמעט

דיא װארהײט, Friday, May 13, 1910

## װען מען האט מורא אַז דיא װעלט װעט אונטערגעהן

דיא װארהײט, Thursday, January 20, 1910

## געלער זשורנאליזמוס און געלע אסטראנאמיע

דיא אידישע טעגליכע פרעססע, Monday, May 09, 1910

# שרעקט ניט די וועלט

פון — — —
ג. זעליקאָוויץ

די נייע פאלשע נביאות פון א צוגעהטען אסטראָנאָם או אונזער וועלט
וועט אונטערגעהן נעכסטען יוני דורך א פערבלאָנדושעטען קאָמעט

אף תכון תבל בל תמוט (תהלים).

דער גרעסטער פאסקודניק אויף דער
וועלט איז דער וועלכער שרעקט מענשען
מיט טוידט־שרעק. עס זיינען אבער ניטא
קיינע ווערטער אין קיין שום שפראך
ווי אנצורופען דעם יעניגען וועלכער
שרעקט א גאנצע וועלט מענשען פון יב
ביז ים מיט א פינסטערע בשורה אז אט־
אט־אט געהט אונזער ערד־קוגעל זינקען
אין שטילען גארנים.

מען האט זיך קוים אבגערוהט א יאהר
זייט לעצטען מערץ ווען אונזער זינדיגע
וועלט האט בעדארפט צוריבען ווערען
פון עפעס אזא פערבלאָנדזשעטען קאָ־
מעט, און א צודרומשקעטער אסטראָנאָם
זאָגט שוין ווידער פאלשע נביאות. אז
נעכסטען יוני, דעם 17טען, פונקט 2
אוהר נאך מיטאג וועט אונזער וועלט זיך
איבערקעהרען. אזוי זאגט בפירוש דער
אסטראָנאָם קראמעלין פון דער אבסער־
וואטאריום אין גריגנווידזש, ענגלאנד. ער
דערצעהלט אונז, פונקט ווי יענע אסטראָ־
נאָמען מיט א יאהר צוריק, און מיט צעהן
יאהר צוריק ווען האלליי'ס קאָמעט האט
בעדארפט אבווישען אונזער וועלט מיט
זיין פייערדיגען עק—אז א ווילדער קאָ־
מעט, א מין הימלישער באלשעוויק,

האלט אין פאלען נעהנטער צו דער ערד.
ער פאלט ארום 98 מיליאן מייל א טאג,
און פונקט דעם זיבעצעהנטען יוני וועט
ער דערגרייכען אונזער פלאנעט וואס מיר
רופען ערד, און אדיע וועלט!

ווען עס וואלט אפילו געווען בעשטע־
טיגט פון די גרעסטע אסטראָנאָמען פון
דער וועלט, אז דער אונטערגאנג פון דער
וועלט איז נאָהענט, אהן דעם קלענסטען
צווייפעל, וואלט אויך געווען א שענד־
ליכער פערברעכען צו שרעקען די מענש־
הייט מיט חדשים פאראויס. דען וואס
וועלען מיר געווינען, אז מיר וועלען לע־
בען אייניגע חדשים אין טויט־שרעק ווען
קיין ווארנונג אויף דער וועלט קען סאי־
ווי־סאי אונז ניט העלפען וואו זיך צו בע־
האלטען? בפרט־נאך ווען [דער]
אסטראָנאָם [...] וויקעלט איין זיין
פאלשע נביאות אין א גרויסען אפשר!
צו וואס אלזא שרעקען אונזער וועלט?

דער ערגסטער מענש אויף דער וועלט
איז דער וועלכער זוכט כבוד און גדולה
פון שרעקען מענשען.

**שרעקט ניט די וועלט**

די נײַע פֿאַלשע נבֿיאות פֿון אַ צעדרייטן אַסטראָנאָם אַז אונדזער וועלט וועט אונטערגיין נעקסטן יוני דורך אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן קאָמעט

פֿון ג[עצל] זעליקאָוויטש [1855 - 1926]

אַף תִּכּוֹן תֵּבֵל בַּל תִּמּוֹט — תּהילים [צג:א]
[אויך איז באַפֿעסטיקט די וועלט, זי זאָל זיך ניט וואַקלען — יהואשס איבערזעצונג]

דער גרעסטער פּאַסקודניק אויף דער וועלט איז דער וועלכער שרעקט מענטשן מיט טויטשרעק. עס זײַנען אָבער ניטאָ קיין ווערטער אין קיין שום שפּראַך ווי אָנצורופֿן דעם יעניקן וועלכער שרעקט אַ גאַנצע וועלט מענטשן פֿון ים ביז ים מיט אַ פֿינצטערע בשׂורה אַז אָט־אָט־אָט גייט אונדזער ערדקוגל זינקען אין שטילן גאָרניט.

[...]

מען האָט זיך קוים אָפּגערוט אַ יאָר זײַט לעצטן מערץ ווען אונדזער זינדיקע וועלט האָט באַדאַרפֿט צעריבן ווערן פֿון עפּעס אַזאַ פֿאַרבלאָנדזשעטן קאָמעט, און אַ צעדרומשקעטער אַסטראָנאָם זאָגט שוין ווידער פֿאַלשע נבֿיאות, אַז נעקסטן יוני, דעם 17טן, פּונקט 2 אור [אַ זייגער] נאָך מיטאָג וועט אונדזער וועלט זיך איבערקערן. אַזוי זאָגט בפֿירוש דער אַסטראָנאָם קראָמעלין פֿון דער אָבסערוואַטאָריום אין גרינווידזש, ענגלאַנד, ער דערציילט אונדז, פּונקט ווי יענע אַסטראָנאָמען מיט אַ יאָר צוריק, און מיט צען יאָר צוריק ווען האַליס קאָמעט האָט באַדאַרפֿט אָפּווישן אונדזער וועלט מיט זײַן פֿײַערדיקן עק — אַז אַ ווילדער קאָמעט, אַ מין הימלישער באָלשעוויק, האַלט אין פֿאַלן נעענטער צו דער ערד. ער פֿאַלט אַרום 96 מיליאָן מײַל אַ טאָג, און פּונקט דעם זיבעצנטן יוני וועט ער דערגרייכן אונדזער פּלאַנעט וואָס מיר רופֿן ערד, און אַדיע וועלט!

[...]

ווען עס וואָלט אַפֿילו געווען באַשטעטיקט פֿון די גרעסטע אַסטראָנאָמען פֿון דער וועלט, אַז דער אונטערגאַנג פֿון דער וועלט איז נאָענט, אָן דעם קלענסטן צווייפֿל, וואָלט אויך געווען אַ שענדלעכער פֿאַרברעכן צו שרעקן די מענטשהייט מיט חדשים פֿאָרויס. דען וואָס ווען מיר געווינען, אַז מיר וועלן לעבן אייניקע חדשים אין טויטשרעק ווען קיין וואָרענונג אויף דער וועלט קען סײַ־ווי־סײַ אונדז ניט העלפֿן ווו זיך צו באַהאַלטן? בפֿרט נאָך ווען [דער] אַסטראָנאָם [...] וויקלט אײַן זײַן פֿאַלשע נבֿיאות אין אַ גרויסן אפֿשר! צו וואָס אַלזאָ שרעקן אונדזער וועלט?

[...]

דער ערגסטער מענטש אויף דער וועלט איז דער וועלכער זוכט כּבֿוד און גדולה פֿון שרעקן מענטשן.